NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05100

NIT HAYNT UN NIT AMOL

Ab. Abelson

Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph & Elaine Heckelman
in memory of
Saul Heckelman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבע אבלסאָן

ניט הײנט און ניט אמאָל

מאַיסעלעך

גריפע „יידיש" ניו הייווען

Copyright 1938
AB. ABELSON,
656 Washington Ave., New Haven, Conn.

Prompt Press, Inc.
209

צייכענונגען — איווּאַ געצאַף
שער-בלאַט — ל. סאַפּרין

דער בער און די שעפּסעלעך

ס'האָט פּאַסירט די שיינע מאַיסע ניט היינט און ניט אַמאָל

דער בער און די שעפּסעלעך

קלייבט זיך אויף, איר קינדער ליבע,
קומט נעענטער אַהער —
און הערט אַ שיינע מאַיסע אוים,
פון שעפּסעלעך און בער.

ס׳האָט פּאַסירט די שיינע מאַיסע
ניט היינט און ניט אַמאָל ;
אין אַ גרויסן וואַלד אַ ווילדן,
און אין אַ גרינעם טאָל.

דער בער געווען איז בייז און ווילד —
מיט גראָבע לאַפּעס שטאַרק,
מיט צוואַנציק ציינער שפּיציקע
און מיט אַן אייזן קאַרק.

מיט אויגן — פּיילן שטעכיקע
און מיט אַ גראָבע פעל,
מיט נעגל — שאַרפע גיפּטיקע
און האַרצלאָז אַן אַ זעל.

און עסן האָט דער בער געוואָלט,
נאָר ווייכע, רויע פלייש
און טרינקען האָט ער ליב געהאַט —
נאָר קאָכיק בלוט, נאָך היים.

געלעבט האָט ער אין איינזאַמקייט,
אין נאָרע טיף אין וואַלד ;
געזויגן פון זיין אייגן בלוט,
אין ווינטער ווען ס'איז קאַלט.

פּאַסירט איינמאָל אין אַ פֿאַרטאָג:
ס'איז פֿרילינג שוין געווען —
דער בער עס איז אַרוים פֿון וואַלד
און שעפּסעלעך דערזען.

רויטע, ווייסע און ראַבינקע
און געלינקע ווי גאָלד,
און פּלירישיקע, פּולבלוטיקע
און בלוט האָט ער דאָך האָלט.

האָט בער געקוקט אַ גאַנצן טאָג,
צוגעזען מיט סינע,
פֿיל העלדזועלעך און פֿאַלקעלעך, —
גערונען אים אַ סלינע.

דערווייל האָט אויסגעבאַקט די זון,
אַ פרילינג טאָג אַ קלאָרן
און אים פאַררוקט אין מאַירעוו-באַרג,
אַף צו לאַנגע יאָרן.

דערווילדער, גרויסער סאָסנע וואַלד —
פיל שאָטנס האָט פאַרשפּרייט
און אין דעם פלאַכן זאַנגענפעלד,
געשלאָפן איז דאָס ברויט.

און זונענשטראַלן האָבן אַף
שטערן זיך צעביטן.
אַ פלעדערמויז געקומען איז —
אַף דער נאַכט צערייטן.

געערוט האָבן די שעפּסעלעך —
אין פעלד אַף גרינעם גראָז,
נאָר ניט געערוט האָט בלויז דער בער,
געשמעקט האָט מיט זיין נאָז.

האָט בער געכאַפּט אַ שעפּסעלע
און געבראַכט אין נאָרע;
געגעסן ביזן ביינדעלע,
זאַט געפילט — ווי שראָרע.

און ס'טרינקט דער בער די שעפּסן בלוט,
זויגט די מאַרך פון ביינער;
דערזעט ער נאָכמער שעפּסעלעך,
שאַרפט ער אָן די ציינער.

אַ שעפּסעלע אַף אָנבייסן,
שעפּסן פלייש אַף מיטיק:
עס עסט דער בער אויך וועטשערע,
פילט שוין שטענדיק זעטיק.

און וואַרפט אויך צו אַ ביינדעלע,
דעם כיטרען פאַלשן פוקס.
און מיטן אָפּפאַל קוויקט זיך אויך,
דער כאַזערישער שניוק.

באפאַלן איז אַ גרויסע שרעק
די שעפּסעלעך פון טאָל:
זיי טוליען איין די קעפּעלעך —
עס ציטערט זייער וואָל.

זיי ציען זייערע העלדזער אויס,
גלאָצן מיט די אויגן:
— פון וואַנען קומען וועט די הילף?
טוען זיי זיך פרעגן.

אַ שעפּסעלע אַף אָנבײַסן, שעפּסן פֿלייש אַף מיטיק.

נאָר פלוצלונג קומט דער כאַזער אָן
און הויבט אָן צו כרוקען.
און אויך דער פאַלשער פוקס לויפט צו,
שטעלט זיך אָפּ צו קוקן.

דערקענט דער פוקס דאָס ביינדעלע,
וואָס ער האָט אָפּגעלעקט,
און דעם כאַזער־שניוק האָט אָפּפאַל —
אַוואַדע גלייך פאַרשמעקט.

דער פוקס רעדט צו די שעפּסעלעך,
ווינקט צו מיט אַן אויגל:
רייד פאַלשע; צוקער־זיסינקע,
דרייט זיך ווי אַ בייגל.

— איך בין אַ פריינט אייך, שעפּסעלעך,
איך ווייס אויך וואָס צו טאָן.
פאַר אייך, איר מיינע גוטע פריינט —
מיין לעבן כ׳שטעל אין קאָן.

— צוהילף איך דאַרף דריי שעפּסעלעך,
נו, שטאַרקע דריי, אהער!
צוזאַמען אַלע וועלן מיר,
דערהאַרגענען דעם בער.

נו פירט דער פוקס דריי שעפּסעלעך,
שעפּסעלעך ווי גאָלד,
און פירט זיי גלייך אין הייל אריין
און בער האָט דאָך בלוט האָלט.

דער פוקס, ער לעקט דיביינדעלעך,
און כאַזער — וואָס אים קומט ;
עס פעלן נאָך דריי שעפּסעלעך —
דער בער פון זאַטקייט ברומט.

און אַלע טאָג ווי נאָר דער וואַלד,
טוט דער זון איינשלינגען, —
דער עכאָ פון דריי שעפּסעלעך,
פון נאָרע טוט אָפּקלינגען.

נו, וויינט ניט, ליבע קינדער, שאַ!
איצטער מאַגט איר וויסן:
עס וועלן באַלד אַף דעם בערס קאָפּ,
שלעק זיך נעמען גיסן.

געשטעלט האָט זיך אַ שעפּסעלע
אַ קליינינקע — נאָר קלוג,
און שרייט צו אַלע שעפּסעלעך:
— גענוג שוין, נו, גענוג!

— איר הערט זיך אויף צו כאַווערן
מיט פאַלשן פריינט — דעם פוקס;
זיין שוטעף דעם כאַזערישן —
פאַריאָגט! און זאָגט: האַיוקס!...

— די שטאַרקייט באַ דעם בער, עס ליגט
אין נעגל און די ציין —
טאָ הויבט זשע אויף די קעפּ אַזוי,
נאָר מוטיק אַן געוויין.

— און שווערט באַ אונדזער אייניקייט,
אונדזער בלוט און ביינער;
אַרויסצוברעכן באַ דעם בער,
נעגל און די ציינער.

פאַרשוואונדן איז די רויטע זון
און ס'איז נאַכט געוואָרן.
געשוואָרן האָבן שעפּסעלעך,
געהערט האָבן די שטערן.

און טאָקע גלייך נאָך האַלבע נאַכט
טיף באַם בער אין נאָרע —
האָט פאַר איר טויט אַ שעפּסעלע,
אים געמאַכט אַ צאָרע.

און יעדע נאַכט אַ שעפּסעלע,
צעבראָכט דעם בער אַ צאָן.
און ער פאַרלירט אַ נאָגל אויך,
ווען ס׳קרייט פאַרטאָג דער האָן.

די שענסטע פערציק שעפּסעלעך,
האָט דער בער פאַרשלונגען
און ס׳האָט באַ אים דער לעצטער צאָן —
אָפן שטיין געקלונגען.

נו, קינדער, זייט נאָך לעבעדיק :
פאַרטרייבט פון זיך דעם שלאָף ;
בלויז נאָך אַכט צענדליק שורעלעך —
די מאַיסע איז צום סאָף.

אַרויסגעוואַקסן איז די זון
פֿון ווייטן מיזרעך טאָל.
— אַראָפּגעצויגן פֿון הימל
זיין טונקל בלאָען שאָל.

ערד האָט שוין אָוועקגעגעבן,
פּרוכט און ווייץ און האָבער:
די צייט פֿון יאָר — אַ פֿריילעכע,
כוידעש פֿון אָקטאָבער.

און ווידער איז די זון אָוועק,
— טאָג האָט זיך פֿאַרנומען
אַן ציינער און אַ קאַליקער,
איז דער בער געקומען.

ער כאַפּט גיך אַן אַ שעפּסעלע,
און וויל שוין גיין אין וואַלד;
— שפּרינגט גלייך אַרוים די קלוגינקע
און הויך און שטאַרק זי שאַלט:

— אהער, איר אַלע שעפּסעלעך,
אַהער, אַהער, אַהער!
די צייט איז איצט געקומען שוין —
צו נעמען זיך צום בער.

אָן ציינער און אַ קאַליקער איז דער בער געקומען

און מער ווי טויזנט שעפּסעלעך
מיט פּיס און מיט די קעפּ —
גענומען געבן שטאַרקן בער,
פיל קליינע, גיכע קלעפּ.

געבריקעט מיט די פיס גיך־גיך,
געבוקעט מיט די קעפּ.
פון אַ סאַך קליינע קלעפּעלעך,
געוואָרן זיינען קלעפּ.

עס ברומט דער בער און פּלאָנטערט זיך —
לאָזט שעפּסעלע שוין אָפּ;
וויל נעמען גלייך אַפּטראָגן זיך,
זיי האַלטן פעסט זיין קאָפּ.

נו, וויל ער נעמען בייסן זיך,
ערשט ניין, ער קאָן ניט, ניין!
אַרויסגעבראָכן זיינען דאָך —
די נעגל און די ציין.

יאָמערט דער בער און ראַנגלט זיך,
ער פּאָכט מיט לאַפּעס שטאַרק —
נאָר טויזנט קליינע שעפּסעלעך,
זיי ברעכן שוין זיין קאַרק.

אַ טויזנט קליינע קלעפּעלעך,
ריסן און אויך דראַפּען
און פון דעם גרויסן שטאַרקן בער,
בלוט עס טוט שוין קאַפּען.

אַ טויזנט קליינע שעפּסעלעך —
טויזנט קליינע ביסן
און באַ דעם גרויסן, ווילדן בער:
ס׳בויך איז אויפגעריסן.

און אויסגעצויגן ליגט דער בער,
מיט בויך און פּיס אַרויף —
טויטע אויגן אין זון גלאַצן,
אַ פּייגער איז זיין גוף.

עס זוכן, זוכן שעפּסעלעך —
אין דעם בערם געדערים ;
ניטאָ די טויטע שוועסטערלעך,
ס׳זיינען דאָ נאָר ווערים.

געדענקען אַלע שעפּסעלער,
זייערע מאַרטירער —
דערמאָנען אויך די העלדישקייט
פון דעם קלוגן פירער.

יובלען פריי די שעפּסעלעך —
אין פרוכטבאַר־גרינעם טאָל
טאַנצנדיק און זינגענדיק
אין וואַרעמקייט פון וואָל.

די צייט פון יאָנטעף איז געווען —
כוידעש פון אָקטאָבער:
די שיינע צייט ווען פּאַרטיק ווערט
קאָרן, ווייץ און האָבער.

וואָס איז געוואָרן פון דעם פוקס ?
ווילט איר, קינדער, וויסן —
ער איז אַנטלאָפן אין גרויס שרעק,
מיטן עק פאַרריסן.

און גראָבער כאַזער מיטן שניוק,
איז גאָר פאַרשפאַרט אין שטאַל.
אַ כאַזער קומט קיין פרייהייט ניט —
דאָס איז אַן אַלטער קלאַל.

ס׳האָט פאַסירט די שיינע מאַיסע,
ניט דאָ און אויך ניט דאָרט.
ווער עס איז אַ קינד אַ קלוגער,
דער טרעפט אַליין דעם אָרט.

און איצט — איר אַלע גוטע קינדער :
גייט, לאָזט אַריין דעם שלאָף,
ווייל צו אונדזער שיינער מעשׂה
געקומען איז דער סאָף.

אַ שפּענדעלע

אַ קערנדל

אַ שפּענדעלע

אַ קליין שפּענדעלע
אַזוי לייכט ווי אַ ווינט,
ליגט אַף אַ וואַסערל
און טראָגט זיך געשווינד.
דאָס וואַסערל טוליעט
דעם שפּענדעלע היים,
אַזוי ווי אַ מאַמע
איר קינד צו איר שוים.

דאָס וואַסערל פליסט זיך —
דאָ ברייט און דאָ שמאָל —
דעם שפּענדעלע טראָגט עס
דורך באַרג און דורך טאָל,
און עס זייגען אַוועק —
צוויי טעג מיט אַ נאַכט,
דעם שפּענדל האָט וואַסער,
צום יאַם גאָר געבראַכט.

יאַם האָט דעם וואַסערל
אין זיך פאַרשלונגען.
כוואַליעס אין לופט
האָבן שטאַרק אָפּגעקלונגען.
דעם שפּענדל האָט געוואָרפן
אַראָפּ און אַרויף —
אַ ציטער איז באַפאַלן
דעם קלייניניקן גוף.

—

בעט זיך דאָס שפּענדעלע,
עס שרייט און עס פרעגט:
— וואָס וועט פון מיר ווערן?
— יאַם איז אָן אַ ברעג.
האָט אַ כוואַליע דערהערט
ווי דאָס שפּענדעלע שרייט
און עס מיט ראַכמאָנעס
צום ברעג אויסגעשפּייט.

האָבן שטראַלן פון זון —
געברענט, געבראָטן,
איז זיך דאָס שפּענדל
אויף פּיצלעך צעשאָטן
האָט אַ פויגל די פּיצלעך
צוזאַמענגעפּרעסט,
געמאַכט אירע קלייניקע —
אַ וואַרעמען נעסט.

אַ קערנדל

גענאַנגען איז אַ אינגעלע אין פרייען פעלד
און געגעסן אַן עפּעלע — רונד ווי די וועלט.
דאָס עפּעלע איז געווען געשמאַק און זיס,
באַם אינגעלע די בעקעלעך — געזונט און פריש.

פון עפּעלעס האַרץ איז אַרויס אַ קערנדל,
געשטאָכן דעם אינגעלע — זיין עסן געשטערט,
האָט אים דאָס אינגעלע אויסגעשפּייט אַף דער ערד.
אַזוי ווי דער הימל אַ זינדיקן שטערנדל.

און דעם קליינעם קערנדל — שוואַרץ, האַרט און ביטער,
האָט די ערד אַריינגענומען — אין מאַמע־שוים —
איז פון דעם אויסגעוואַקסן אַ בוים שטאַרק און גרויס:
מיט צווייגן, און בליאונג, מיט בלעטער און ריטער.

זומער האָט פּאַסירט מיטן בוים אַ וואונדערזאַך:
עס זיינען אים באַפאַלן עפּעלעך אַ סאַך,
און קינדער רייסן די עפּעלעך און עסן
און אָן דעם קערנדל — זיי האָבן פאַרגעסן.

דער ווינט

דער ווינט

אַ ווינט האָט זיך געיאָגט
וועלט איין און וועלט אויס —
דורך טאָג און דורך נאַכט;
האָט ער אַפן וועג דערזען,
אַז יעדע זאַך האָט אַ הויז,
און רוט זיך אויס.
האָט דער ווינט באַשלאָסן צו זיין מיט אַלעמען גלייך,
איז ער אַוועק צום בוים,
אין זיינע בלעטער צו מאַכן אַ היים.
האָט דער בוים גענומען רוישן,
מיט די צווייגן שמייסן
און האָט פון זיך די בלעטער
אַראָפגעריסן.

שטאַרקער און גיכער,
האָט זיך דער ווינט געיאָגט —
געדרייט אין אַ וויכער,
זיך געטראָגן צו געפינען אַן אָרט אין די שטיבער.
האָבן זיך די שטיבער צעבראָכן,
אָף שטיקלעך צעפאַלן
און אָפן אָרט פון די שטיבער —
זיינען געבליבן גריבער.

אין האָריזאָנט האָט גענומען שוין טאָגן
און דער ווינט פונדאַסניי —
יאָמערן,
ברומען,
האָט מיט קראַפט און מיט אימפעט,
אַף די וואָלקנס זיך געיאָגט.
געוואָלט אונטערן הימל,
רוען אין דרימל.

האָבן די וואָלקנס דערפילט דעם ווינט —
זייער אייביקן סוינע,
האָבן זיי זיך געוויקלט אין קנוילן:
צוזאַמענגעדריקט,
געשטויסן דעם ווינט.

און צום סאָף אַז זיי האָבן דערזען,
אַז זיי קאָנען דעם ווינט ניט באַזיגן,
האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ גרויסן געוויין —
גענומען גיסן מיט טרערן
און זיך צעגיין.
(איידער זיך לאָזן פון ווינט שטערן,
שוין בעסער אינגאַנצן ניט ווערן.)
און דער ווינט אַ נאַסער פון רעגן,
איז אַוועק —
אַף אַנדערע וועגן.

אַזוי וואָגלט דער ווינט,
דורך טאָג און דורך נאַכט
אין אַלע צייטן פון יאָר —
לאַנד איין און לאַנד אויס ;
לויפט אום און יאָגט זיך
און האָט ניט וואו —
צו געפינען קיין רו.

דאָס טייכעלע און דער שטיין

אַ בלעטעלע אין האַרבסט

דאָס טייכעלע און דער שטיין

אַ קליין טייכעלע, לעבן אַ שטיין —
איז געלעגן
איינגעבונדן אין גראָזיקע ברעגן
און זיך געכיינדלט צו דער זון.
אַז די זון פלעגט אין פרילינג דעם שניי צעלאָזן
איז דאָס טייכעלע
געוואָרן אויפגעבלאָזן.
זומער אין די היצן
ווען דאָס פויגל רופט,
פלעגט דאָס טייכעלע אַוועקשווימען,
אַף וואַקאַציע אין דער לופט.
ווינטער —
אַרונטערקריכן אונטער אַ פוטער פון שניי —
באַפּאַנצערט פון אייז,
ווי מיט שאָלעכטס אָן איי.
אַזוי האָט זיך דאָס טייכעלע געלעבט:
שטיל,
קליין,
פאַר זיך אַליין.

איינמאָל —
אין דער צייט פון דער גרויסער פאַרפלייצונג ;
ווען דער גרויסער טייך,
האָט זיין קעניגרייך,
אויסגעשפּרייט אַף לאַנד און אַף שטאָט,
האָט דאָס טייכעלע צוזאַמענגענומען אַלע קרעפטן —
די שטילינקע קנייטשעלעך,
אין כוואַליעס צוזאַמענגעהאַפּטן ;
גענומען שלאָגן אין שטיין,
וואַשן זיין ראַנד,
אַרויסשווינקען פון אונטן דעם זאַמד.
און אַזוי האָט דאָס טייכעלע אונטערגעגראָבן
דעם שטיין.

פלוצלונג —
פליוך !
און דער שטיין אין זיין גאַנצן גרויס,
איז אַריינגעפאַלן —
צום טייכעלע אין שוים.

דאָס וואַסער האָט זיך צעפּליושקעט
אַרום און אַרום.
דער ווינט האָט די וואַסערלעך אין טראָפּנס צעבלאָזן.
פאַרשלונגען די טראָפּנס,
האָבן די דורשטיקע גראָזן
די זון גענומען בריען;
די לופט — דעם דאַמף אַריינציען.

און איצט —
אין בעט פון טייכעלע — קליין;
אַ ווינטעלע גלעט,
אַ טרוקענעם שטיין.

אַ בלעטעלע אין האַרבסט

פאַלט אַ גאָלדן בלעטעלע —
פון דעמבענעם בוים
און פרעגט:
וואו זאָל איך מאַכן מיין קייווערל,
וואו?
דאָ אַפן שטיין?
ענטפערט דער ווינט:
— ניין, ניין!

פרעגט ווידער דאָס בלעטעלע:
— עפשער אין טייכעלע-קליין?
ענטפערט דער ווינט:
— ניין, ניין!

דרייט זיך דאָס בלעטעלע אַהין,
דרייט זיך אַהער —
לעבן אָן וואָרצל איז דאָך שווער.
דערזעט דאָס בלעטעלע:
אַ העלקייט,
אַ רויטקייט,
ווי עס איז אַליין;
גיט דאָס ווינטעלע דעם לעצטן גלעט
טוט די העלקייט אַ ברי,
גיט דאָס בלעטעלע איבער צום פייער
איר זומער:
איר זומער — דעם פייער אַוועק;
איר זומער —
דעם פייער!

אינהאַלט

דער בער און די שעפּסעלעך — — — — 11
אַ שפּענדעלע — — — — — — — — — — — — 39
אַ קערנדל — — — — — — — — — — — — 42
דער ווינט — — — — — — — — — — — — 47
דאָס טייכעלע און דער שטיין — — — — 55
אַ בלעטעלע אין האַרבסט — — — — — 58